**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול הייבט ארויס סקול באס זיכערהייט מיט ניו יארק סטעיט סקול קינדער צוריקגייענדיג צו סקול

***נייע [ווידעאו](#) דערמאנט דרייווער איבער די וויכטיגקייט פון אויספאלגן די כליים כדי צו האלטן קינדער פארזיכערט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעגעבן א נייע [ווידעאו](#) צו אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון האלטן ניו יארק סטעיט'ס קינדער זיכער אזוי ווי די סקול יאר הויבט זיך אן. לויט די ניו יארק אסאָסיעישען פאר סקול קינדער טראנספארטאציע (New York Association for Pupil Transportation) פארן א געשאצטע 50,000 דרייווערס אריבער אפגעשטעלטע סקול באסעס מיט בלינקעדיגע רויטע לייטס יעדע טאג פון סקול אריבער די סטעיט.

"אלס א מאמע און באבע, איז נישטא עפעס וואס איז מער וויכטיג צו מיר פון די זיכערהייט פון ניו יארק'ס קינדער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פאקט בלייבט אז צופיל דרייווערס פארן אריבער אפגעשטעלטע סקול באסעס, שטעלנדיג דערביי קינדער און אנדערע דרייווערס אין סכנה. לאמיר אלע צוזאמען אלס ניו יארקער דאס מאכן פאר אונזער ציהל צו מאכן די סקול יאר פאר א זיכערע יאר פאר יעדן איינעם."

די זיכערסטע וועג צו פירן קינדער פון און צו סקול איז מיט א סקול באס. סקול קינדער זענען בערך 70 מאל מער ווארשיינליך צו אנקומען צו סקול זיכערערהייט ווען זיי נעמען א סקול באס אנשטאט פארן מיט א קאר, לויט די נאציאנאלע הייוועי טראפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע. אבער אין די צייט ווען זיי גייען צו די באס און ווען די באסעס נעמען ארויף און לאזן אראפ קינדער, ווערן די קינדער אויסגעשטעלט צו סכנה פון פארוואונדעט ווערן. א גרויסע חלק פון די סיבה דערפאר זענען דרייווערס וועלכע פארן אפטער און אפטער אריבער אומלעגאל אפגעשטעלטע סקול באסעס.

אין ניו יארק איז עס אומלעגאל צו אריבערפארן אן אפגעשטעלטע סקול באס ווען די גרויסע רויטע שילד איז אפן. בלינקעדיגע לייטס מיינען אז די באס נעמט ארויף אדער לאזט אראפ קינדער. אלע דרייווערס זענען געפאדערט זיך צו אפשטעלן ווען זיי דערנענטערן זיך צו אן אפגעשטעלטע סקול באס פון די פארנט אדער פון עס אריבערפארן פון הונטן. דאס גייט אן סיי ווען זייערע סיגנאלן זענען אנגעצינדן אויף סיי וועלכע פובליק הייוועי, שאסיי אדער פריוואטע גאס. די דעפארטמענט אָוו מאטאר וויהיקלס (Department of Motor Vehicles, DMV) האט אויך [פארגעשלאגן ענדערונגען צו DMV רעגולאציעס](#) צו פארמערן די פארלעצונג פוינטס וואס דרייווערס באקומען פארן אריבערפארן אן אפגעשטעלטע סקול באס, אלץ טייל פון אירע באמיאונגען צו אדרעסירן סכנות'דיגע דרייווען און צו אראפנעמען סכנות'דיגע דרייווערס פון די שאסיי.

**ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט קאמישאנער, מערי טעריזע דאמינגעז, האט געזאגט,** "מיט סקול באסעס אין סעסיע, איז עס יעדן איינעם'ס פאראנטווארטליכקייט צו זיכער מאכן אז אלע קינדער קומען אן אין סקול און קערן זיך אהיים זיכערערהייט יעדן איינציגסטן טאג. יעדער דרייווער זאל בלייבן וואכזאם און האלטן אן אויג פאר קינדער — באזונדערס אין באוואוינטע געגנטער און ארום סקול געביידעס. איך מוטיג אלע ניו יארקער צו אויספאלגן די כללים פון די שאסיי און באשיצן אונזערע קינדער — די צוקונפט פון די עמפייער סטעיט."

**ניו יארק סטעיט DMV קאמישאנער און GTSC פארזיצער, מארק דזש. פ. שרעידער, האט געזאגט,** "יעדער דרייווער האט א פאראנטווארטליכקייט צו אונזערע קינדער צו זיכער מאכן אז זיי קומען אן זיכערערהייט אין סקול יעדן טאג. מיר פארלאזן זיך אויף דרייווערס צו טוהן די ריכטיגע זאך און זיך פולשטענדיג אפשטעלן ביים זיך דערנענטערן צו א סקול באס וואס איז אפגעשטעלט מיט בלינקענדיגע רויטע לייטס. וויסן אז סקול באסעס זענען נאכאמאל אויף די געסער, צולייגן נאך עטליכע מינוט צו אייער רייזע יעדן טאג און אוועקנעמען זאכן וואס נעמען צו אייער אויפמערקזאמקייט אין אייער קאר זענען בלויז עטליכע וועגן וויאזוי מיר קענען העלפן האלטן סקול קינדער זיכער."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "סקול איז צוריק אנגעהויבן, און כאטש סקול באסעס זענען צווישן די זיכערסטע טראנספארטאציע מיטלען, דאך שטייען סקול קינדער נאכאלץ צום באדויער אויס פילע סכנות ביים ארויפגיין, אראפגיין אדער אפילו ביים גיין ביז די באס סטאנציע. צו העלפן פארזיכערן א זיכערע און ערפאלגרייכע סקול יאר, מוטיג איך אלע דרייווערס צו זיכער מאכן אז זיי פאלגן אויס די אוועקגעשטעלטע טראפיק זיכערהייט געזעצן וועלכע האלטן אונזערע קינדער זיכער, און איך מוטיג עלטערן און אויפזיהער פון קינדער צו אויסלערנען זייערע קינדער ריכטיגע זיכערהייט פראצעדורן און עצות צו אויספאלגן בשעת'ן ווארטן פאר- אדער פארן אויף די סקול באס."

פאלגנד זענען עטליכע בייהילפיגע עצות פאר דרייווערס:

- סקול באסעס שטעלן זיך אפט אפ, ארייגרעכענענדיג ביי אלע פלעצער וואו באן רעלסן שניידן אריבער שאסייען. זייט געדולדיג, פארט שטייטער און זייט גרייט זיך אפצושטעלן פאר זיי.
- געלע לייטס מיינט אז די באס גייט זיך אפשטעלן, אלזא פארשטייטערט אייער שנעלקייט.
- האלט אן אויג פאר קינדער ביי באס סטאנציעס און פאר אזעלכע וועלכע גייען צו די באס סטאנציעס. בלייבט וואכזאם פאר קינדער וואס קומען אן שפעט פאר די באס אזוי ווי זיי קענען מעגליך ארויסטאנצן אויפן גאס אן קוקן אויב עס זענען דא קארן פארדעם.
- קוקט בעפאר איר בעקט ארויס פון אייער דרייוועי אדער גאראזש און זייט פארזיכטיג פאר קינדער וואס גייען אויפן גאס, באזונדערס אין פלעצער וואו עס זענען נישטא קיינע טראטוארן.
- זייט פארזיכטיג פאר קינדער צופרי און נאכמיטאג, באזונדערס ארום סקול געביידעס.
- זייט וואכזאם. נוצט קיינמאל נישט קיינע עלעקטראנישע כלים בשעת'ן דרייוון, און מאכט זיכער זיך צו אקטיווערהייט קאנצענטרירן אויף די שאסיי און אויף אייער סביבה.

עס איז אויך וויכטיג פאר סקול קינדער צו זיין גרייט, צי עס איז בעפאר זיי גייען ארויף אויפן באס, אויפן וועג צו סקול אדער ווען זיי מאכן זיך גרייט אראפצוגיין פון די באס ווען זיי קומען צוריק אהיים.

פאלגנד זענען עטליכע טיפס פאר עלטערן צו איבערגיין מיט זייערע קינדער:

- זיי פרי. מאך א ציהל צו זיין ביי די באס סטאנציע צום וויניגסטנס פינף מינוט בעפאר די באס דארף אנקומען.

- קוק פארזיכטיג אויף די לינקע זייט, דערנאך אויף די רעכטע זייט און נאכאמאל צו די לינקע זייט אויב דו מוזט אריבערגיין די גאס. ווען סקול עפנט זיך אינדערפרי און ווען עס פארמאכט זיך נאכמיטאג איז די געגנט ארום די סקול זייער פארנומען און אנגעלייגט.
- ווען דו ווארטסט פאר די סקול באס, היט אויף א זיכערע ווייטקייט דורכן שטיין צום ווייניגסטנס זעקס פיס אוועק פון די עק פון די גאס ווען די באס דערנענטערט זיך און אוועק פון די גאס.
- ווארט ביז די באס שטעלט זיך אפ, די טירן עפענען זיך און דער דרייווער זאגט אז מען קען שוין ארויפגיין אויפן באס.
- ווען מען גייט אראפ פון די באס, קוק פון הונטער די באס צו זיכער מאכן אז קיין איין קאר קומט נישט. נעם פינף ריזיגע טריט גראדערהייט ארויס פון די באס טיר און ארויס פון די סכנה'דיגע פלאץ (די פלאץ ארום די באס וואו דער דרייווער קען אייך נישט זעהן).

בלייב אויף א פלאץ וואו דער דרייווער קען דיך זעהן אלעמאל און גיי קיינמאל נישט פון הונטער די באס. אויב דו דארפסט אריבערגיין אין פארנט פון די גאס, מאך זיכער אז דו און דער דרייווער זעהען זיך איינער דעם אנדערן און ווארט אז דער דרייווער זאל דיך ווייזן אז דו קענסט אריבערגיין. פאר מער אינפארמאציע איבער סקול באס זיכערהייט, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418